בערל קאָטלערמאַן

# ראָמאַנטישע שטראַסע



די פּילצאָליקע דעכער און טורעמלעך פֿון ראָטענבורג, אַרומגעצוימט מיט אַ ברייטער געציינדלטער וואַנט, האָבן פֿאַרגעשטעלט מיט זיך אַן אַרכיטעקטור־אַנסאַמבל, וואָס האָט זיך שוין פֿון דער ווײַטנס געהנדלט מיט זײַן האַרמאָנישער שלמותדיקייט. די ערשטע שטראַלן פֿון דער אויפֿגייענדיקער זון האָבן אָנגעצונדן די שטאָט פֿון מיזרח און זי האָט געפֿלאַקערט ווי אַ ריזיקער רויטער ציגל־שײַטער, פֿון וועלכן האָבן זיך דאָ און דאָרטן אויפֿגעריסן לאַנגע צינגער פֿון קופּאָלן און טורעמס. וואָס נעענטער, האָט זיך דער פֿלאַם נאָך מער צעפֿלאַקערט: ער האָט פֿאַרכאַפּט מער און מער שטח און צום סוף אָנגעפּילט מיט זיך דעם הימל און די ערד, ביז ער איז פּלוצעם זיך צעפֿאַלן אויף איינצלנע עלעמענטן – באַלקנס, פֿענצטער, קאַרניזן, רינוועס...

לענג־אויס דער שטאָטוואַנט האָט זיך געשלענגלט אַ מעכטיקער ערדוואַל, פֿאַרוואַקסן מיט לאַנגן טרוקענעם אָלגראָז. דער ערדוואַל האָט פֿאַרשטעלט מיט זײַן ערדענעם קערפּער אַ טיפֿן גראָבן. וועגן דער עקזיסטענץ פֿון דעם דאָזיקן גראָבן האָבן געזאָגט עדות אויף צוויי אײַזערנע קייטן. בײַם אַרײַנגאַנג אין דעם מאַסיוון טויער איז אויף זיי געהאָנגען די בריק, אַ צונויפֿגעבונדענע פֿון גראָבע קלעצער.

ניט געקוקט אויף דער פֿריִער שעה, איז דער טויער געווען שוין ברייט צעעפֿנט. אַ מאָנאַך מיט אַן אויסגעשוירענער טאָנזורע האָט זיך אַרויסגעשטעקט פֿון דער שיסלאָך אין דער שטאָטוואַנט. ער האָט פֿאַרקאַטשעט ביז די סאַמע פּלייצעס די ברייטע אַרבל פֿון זײַן שוואַרצער סוטאַנע און פֿאָרזיכטיק אַרויפֿגעצויגן אויפֿן שטרעק אַ פֿולן, ביז די ברעגן, עמער וואַסער.

אַ זונפֿלעק איז אומדערוואַרט אָפּגעשפּרונגען פֿון דער אַלעבאַרדע בײַם וועכטער אין אַ צײַגענעם העלם און אַרויפֿגעלאָפֿן אויף דער וואַנט אַרויף.

קלאַפּנדיק מיט הילצערנע רײַפֿן אויף דעם ברוקירטן וועג איז אַרויס פֿון דעם טויער אַ בויד, צוגעדעקט מיט אַ שמוציק־גרויען באַלדאַכין. פֿון דער בויד האָבן אויף אַ רגע אַרויסגעקוקט נײַגעריקע אויגן פֿון אַ ייִנגל אין אַ לצנישן קאָלפּאַק. אַנטקעגן דער בויד האָט געשטראָמט אַ בונטער המון – מענער און פֿרויען מיט אַ פּויערישן אויסזען,

אָנגעטאָנענע אין גראָב־געוועבטע מלבושים, מיט קוישלען און זעק אויף די רוקנס. דעם פֿרימאָרגן האָבן זיך די מענטשן געאײַלט וואָס גיכער אַרײַן אין דער שטאָט. ראָטענבורג האָט זיך געגרייט צו איר באַרימטן יריד, וואָס האָט געשמט איבער גאַנץ נידער־בײַערן.

מיר האָבן זיך אַרײַנגעגאָסן אינעם המון, געגאַנגען פֿאַרבײַ די וועכטערס בײַם טויער, און דורך אַ שמאָל זײַטיק געסל אַרויס אויף אַ רחבֿותדיקן מאַרקפּלאַץ. געדיכטע שאָטנס, וואָס האָבן זיך באַהאַלטן אין די ווינקלען פֿונעם מאַרקפּלאַץ און אין די ענגע דורכגענג צווישן די הײַזער, זײַנען פּאַמעלעך זיך צעגאַנגען, אָפּט רעטנדיק אונטער דעם אָנדראַנג פֿון דער זון וואָס איז אויפֿגעגאַנגען איבער דער שטאָט. שטייענדיק אַנטקעגן דער זון האָבן מיר צעלייגט אויף אַ שטיינערנער באַנק אונדזערע בלוי־סאַמעטענע בײַטלען. אויף די בײַטלען איז מיט גאָלדענע פֿעדעם געווען אויסגעהאָפֿטן אַ גאָלדענע שטאָט, אַרומגעצוימט מיט אַ וואַנט, איבער וועלכער ס׳איז אויפֿגעגאַנגען אַ גאָלדענע זון.

ממש אין מיטן דעם פּלאַץ, אויף אַ געשטעל האָט זיך גערייכערט אַ טשוהונענער קעסל מיט עפּעס אַ געקעכטס. אַ פּויער מיט אַ צעפֿעכערטער באָרד האָט מיט איין זעץ צעהאַקט אויף אַ ריזיק ברייטן קלאָץ אַ דיקן שײַט און געוואָרפֿן אים אין שײַטער אַרײַן. דער פֿלאַם האָט

שטאַרקער אַ פֿלאַקער געטאָן, און מיר האָבן זיך דערמאָנט אין דער אוראַלטער קינה *שאלי שׂרופֿה באש*.

מיר האָבן אויפֿגעבונדן די שנירלעך פֿון די בײַטלען און אַרויסגענומען ווײַסע גראָדעקיקע שטיקער געוואַנט מיט בלויע פּאַסן, לאַנגע טראָלדן בײַ די ווינקלען און קורצע טראָלדעלעך לענג־אויס די זײַטן. בענטשנדיק האָבן מיר זיך פֿאַרוויקלט אויף אַ רגע איבער דעם קאָפּ, און דערנאָך אַריבערגעוואָרפֿן דעם אייבערשטן טייל געוואַנט הינטער דער פּלייצע ווי אַ קאַפּישאָן.

פֿלינקע קעלנערס אין לײַוונטענע העמדער אַרומגערינגלטע מיט פּראָסטע שטריק האָבן צעשטעלט הילצערנע טישלעך בײַ די אומצאָליקע טראַקטירן און טרינקשטיבער.

פֿון די צעעפֿנטע שוואַרצע פּערלמוטערנע פּוטליאַרן האָבן מיר אַרויסגעשיילט צוויי לעדערנע פּושקעלעך מיט לאַנגע שוואַרצע רצועות. איין פּושקעלע האָט יעדער פֿון אונדז אָנגעמאָסטיעט אויפֿן לינקן אָרעם און די צווייטע איבער די אויגן, לאָזנדיק די רצועות אַראָפּפֿאַלן אויף דער ברוסט פֿון ביידע זײַטן. דערנאָך האָבן מיר זיך אומגעקערט צו דעם ערשטן פּושקעלע און אָנגעהויבן אַרומוויקלען דעם לינקן אָרעם ביז דער דלאָניע.

אַ מאַן מיט אַ נאַקעטער ברוסט און אין ענגע שוואַרצע הויזן האָט אַרומגערינגלט מיט אַ שטריקענער צוים אַ קליינעם מאַרקבײַדל.

מיט פֿאַרמאַכטע אויגן, צוליב דער זון, האָבן מיר אַרומגעוויקלט דעם מיטלסטן פֿינגער מיט אַ דרײַפֿאַכיקן רינג. אַזוי האָבן מיר זיך פֿאַרקנסט אויף אייביק אין גערעכטיקייט און מישפּט, אין ליבע און רחמים, פֿאַרקנסט אין גלויבן. מיט עקשנותדיקן ווילן צו באַקענען דעם בורא האָבן מיר געהאַלטן אין איין רופֿן: שְׁמַע יִשְׂרָאֵל ה׳ אֱלֹהֵינוּ ה׳ אֶחָד!

אויף די פּויערישע פֿורעס אויפֿן מאַרקפּלאַץ האָבן די באַלעבאַטים און באַלעבאָסטעס מיט אַ גרויסער ליבע צעשטעלט זייער סחורה.

די פּיאָלעט־קויל פֿון דער פֿלאַמענדיקער זון האָט זיך אויפֿגעהויבן הינטער אונדזערע פֿאַרמאַכטע אויגנדעקלעך. די דאָזיקע מטושטשע פּיאָלעט־קויל איז געבליבן פֿאַר אונדזערע בליקן לעבן דער אמתער זון אויך נאָך דעם, ווי מיר האָבן צעעפֿנט די אויגן – און אַרום אונדז זײַנען שוין געשטאַנען מטושטשע ראָטענבורגער יִדן אין ווײַסע טליתים. זיי זײַנען געווען פֿאַרוויקלט איבערן קאָפּ, אַזוי אַז ס׳איז געווען אוממעגלעך צו זען זייערע פּנימער. לחינם האָבן מיר געזוכט צווישן זיי רבי מאיר ב״ר ברוך און רבי אָשר ב״ר יחיאל. מיר האָבן זיכער פֿאַרשפּעטיקט, און די קעסטלעכע רבנים זײַנען שוין אפֿשר פֿון לאַנג אַוועקגעפֿאָרן קיין מאַגענצאַ, און רבי מאיר איז שוין אַוועקגעשטאָרבן אין הערצאָג אַלברעכטס געפֿענגעניש, ווײַל ער האָט פֿאַרווערט אײַנצוטראָגן דעם פּדיון־שבֿויים

פֿאַר זיך, און רבי אָשר איז אַנטלאָפֿן מיט זײַנע זין קיין טאָלעדאָ. די ראָטענבורגער ייִדן האָבן זיך ריטמיש געשאָקלט און געשטאַמלט גאָר אומקלאָר עפּעס אומבאַקאַנטס. בלויז פֿון צײַט צו צײַט האָט זיך געהערט דער מוראדיקער רעפֿרען: לְעָלַם וּלְעָלְמֵי עָלְמַיָּא...

צום סוף האָבן מיר מצליח געווען אויסכאַפּן עפּעס פֿון זייער באָרמאָטשען, וואָס האָט זיך געשטיגן מיט אימה און יראה אַלץ העכער און העכער, פֿאַרפֿילנדיק דעם מאַרקפּלאַץ און די רוימען צווישן די הײַזער – ביז דער פֿיאָלעטעווער זונקויל. ביסלעכווײַז האָבן די קלאַנגען און צירופֿים אָנגעהויבן זיך פֿאַרוואַנדלען אין ווערטער, און די ווערטער זײַנען געוואָרן אַ מאָדנע תּפֿילה, עלעהיי רבי מאיר וואָלט אויסגעדריקט אין זיי זײַן בענקשאַפֿט. עס האָט זיך אונדז אַפֿילו געדאַכט, אַז מיר הייבן אָן צו באַגרײַפֿן די אַלע סודות, וואָס זײַנען פֿאַרחתמעט דערין –

האָט גאָט מיט דער תּורה זיך געדאַרפֿט צו אונדז ווענדן ער זאָל זי דערנאָכדעם אין פֿײַער פֿאַרלענדן באַרג סיני האָט גאָט דיך דערפֿאַר אויסגעקליבן ער זאָל דיך דערהויבן און נאָך דעם פֿאַרטרײַבן כ׳וועל לאַנג אַזוי וויינען און גיסן די טרערן ביז וואַנעט אַ טײַך פֿון די טרערן וועט ווערן און

וועלן דערגרייכן צו דײַנע צוויי האַרן וואָס
ליגן אין הור־ההר משה און אַהרן און איך
וועל זיי פֿרעגן די ליבע טרײַע צי האָבן זיי
גרייט דען אַ תורה אַ נײַע צי ביסטו אין
גאַנצן שוין איבעריק געוואָרן און גאָט האָט
דערפֿאַר דיך פֿאַרברענט מיטן צאָרן ווי קען
דען דאָס עסן זײַן זיס צו מײַן גומען ווען איך
האָב געזען ווי מען האָט דיך גענומען אין
ערגעץ אַ געסל דורך פֿינצטערע וועגן און
האָבן פֿאַרשעמט דיך פֿאַרברענט גאָטס
פֿאַרמעגן עס וועט דיך נאָך טרייסטן דער
שעפֿער פֿון אויבן די שבֿטים אויפֿקלײַבן
געפֿאַלענע דערהויבן דו וועסט זיך פֿאַרצירן
אין זײַדנס באַקליידן אַ פּויק וועסטו נעמען
און טאַנצן אין פֿריידן און שטאָלץ וועל איך
ווערן ווען גאָט וועט אָנצינדן זײַן ליכט אויף
דאָס נײַ און די נאַכט וועט פֿאַרשווינדן...

אינעם הויז אַנטקעגן איבער האָט זיך צעעפֿנט אַ פֿענצטער, פֿון וועלכן האָט אַרויסגעקוקט אַ פֿרוי אין אַ ווײַסן הויב. געגעבן אַ קוק אַהין און אַהער און, ווי ניט זעענדיק די מתפּללים, האָט זי פּלוצעם אַראָפּגעגאָסן גלײַך אונטן אַלץ וואָס האָט זיך געפֿונען אינעם ליימענעם טאָפּ. באַלד נאָך

דעם האָט זי פֿאַרמאַכט די שויבטירלעך און איז נעלם געוואָרן. דערוואַרטנדיק גאָר אַן אויפֿגערעגטע רעאַקציע, האָבן מיר זיך אומגעקוקט אויף די ראָטענבורגער ייִדן, נאָר יענע זײַנען שוין אויך ניט געווען. אין אַ ניט־גרויסער קאַליוזשע אויפֿן ברוק איז געשווּמען קאַרטאָפֿל־שאָלעכץ און זיך געשפּילט מיט זונפֿלעקן.

אויפֿן פֿאַסאַד פֿון אַ טרינקשטיבל בײַם ראַטהויז האָט קלינגעוודיק אַ שלאָג געטאָן דער משונהדיקער זייגער, פֿון וועלכן איז אַרויס די טרעלבויכיקע ליאַלקע פֿונעם אַמאָליקן ראָטענבורגער בירגער־מײַסטער. מיט איין מײַסטערטרונק האָט דער בירגער־מײַסטער אויסגעטרונקען אַ גאַנצן קוואָרט מאָזעלער, און אַזוי שוין, ווער ווייס צום וויפֿלטן מאָל, געראַטעוועט די שטאָט פֿון צעשטערונג אינעם דרײַסיק־יאָריקן קריג.

הויך איבער אונדזערע קעפּ האָט געפֿלאַטערט אויפֿן ווינט אַ טראַנספּאָראַנט מיט ריזיקע בוכשטאַבן ״ווילקאָמען צו דעם פֿײַערלעכן מאַסקאַראַד!